Publié par
l'Association
pour l'Etude
et la Diffusion de
la Culture Yiddish
AEDCY

# דער ייִדישער
# טעם-טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש-לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דער
געזעלשאַפֿט
פֿאַרן ייִדיש-למוד
**געפֿי"ל**

ניסן תשנ״ו / אַפּריל 1996

יאָר 1, נומער 4

# טשערנאָוויץ אין דער מאָדע

## אַ סך-הכּל[1] פֿאַר אָנהייבערס (און אַנדערע ...)

דער דאָזיקער נומער פֿונעם „טעם-טעם" האָט אַ טעמע : די שטאָט טשערנאָוויץ און אירע באַרימטע „קינדער". ס'זעט אויס[2] אַז די אַלטע בוקאָווינער שטאָט איז הייַנט אין דער מאָדע ! אין פֿראַנקרייַך האָט מען לעצטנס געזען אויפֿן טעלעוויזיע-קאַנאַל „אַרטע" אַ פֿילם וועגן טשערנאָוויץ. אין דייַטשלאַנד איז געווען אַן אויסשטעלונג וועגן צוויי פֿון אירע פּאָעטן, איציק מאַנגער און אליעזר[3] שטיינבאַרג. און אין אַוויניאָן לעצטן זומער, אויף דעם באַרימטן טעאַטער-פֿעסטיוואַל, האָט מען געשפּילט מאַנגערס אַ פּיעסע (איבערגעזעצט אויף פֿראַנצייזיש) „האָצמאַך-שפּיל".

איציק מאַנגער, געבוירן אין טשערנאָוויץ אין 1901, איז געווען איינער פֿון די באַליבטסטע פּאָעטן פֿון דער ייִדישער שפּראַך. ער האָט געשריבן אַ סך באַלאַדן און לידער אויף חומש-מעשׂיות[4] וואָס זייַנען ראָמאַנטיש און איראָניש צו גלייַך[5] (איינע פֿון זיי קענט איר געפֿינען אויף זייַט 3). זייַנע פּיעסעס, מיט טענץ און געזאַנג, האָט מען אָפֿט געשפּילט אין ייִדיש-טעאַטערס איבער דער גאַנצער וועלט.

אליעזר שטיינבאַרג שטאַמט ניט פֿון טשערנאָוויץ אָבער ער האָט דאָרטן לאַנג געוווינט. ער איז דער עיקר[6] באַקאַנט מיט זייַנע




1 משלים[7], וואָס באַהאַנדלען אוניווערסאַלע טעמעס אויף אַ ייִדישן אופֿן[8]. דער משל וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן (זייַט 2) הייסט „נקמה[9]". זייַן טעמע איז ענלעך צו „דער פֿוקס און די קראָ" וואָס עס האָבן דערציילט אי דער גריכישער פּאָעט עזאָפּ אי דער פֿראַנצויזישער לאַ פֿאָנטען.

די צוויי פּאָרטרעטן (זייַט 2) זייַנען פֿון אַ קינסטלער, אַרטור קאָלניק, אויך אַ טשערנאָוויצער.

**1.** SAKHAKL **résumé ; 2. il semble ; 3.** ELIEZER **; 4.** KHUMESH-MAYSES **histoires bibliques ; 5. en même temps ; 6.** DER IKER **surtout ;**
**7.** MESHOLIM **(sing.** MOSHL**) fables ; 8.** OYFN **façon ; 9.** NEKOME **vengeance**

# דרייַ גוטע בשׂורות[1]

נאָך דער טרויעריקער ידיעה[2] אַז דער ייִדישער זשורנאַל „די גאָלדענע קייט" איז אומגעריכט פֿאַרמאַכט געוואָרן האָט מען שטאַרק געבענקט נאָך בעסערע נייַעס. אַ שטיקל טרייסט - ס'קומען אָן נישט איינע נאָר דרייַ גוטע בשׂורות.

די ערשטע איז די שאַפֿונג אין ישׂראל פֿון אַ קינדער-זשורנאַל אויף מאַמע-לשון, „קינד און קייט", וואָס וועט דערשייַנען פֿיר מאָל אַ יאָר, אונטער דער רעדאַקציע פֿונעם באַוווּסטן שרייַבער באָריס סאַנדלער. אויף די רייַך אילוסטרירטע 16 זייַטן פֿונעם ערשטן נומער קען מען געפֿינען שיינע לידער, קורצע דערציילונגען (אַחוץ פּרצעס „די לבֿנה דערציילט" - אַלע פֿון הייַנטצייַטיקע שרייַבער), אַ רעפּאָרטאַזש, אַן אַרטיקל פֿון דבֿ נוי וועגן דעם אויסדרוק „קינד און קייט", וויצן, רעטענישן און אַ קעסטלשפּיל (וואָס זיי רופֿן אים אָן „קרייצוואָרט"), אַלץ געשריבן אין אַ פּשוטער שפּראַך, מיט ווערטער-דערקלערונגען. „דער ייִדישער טעם-טעם" ווינטשט „קינד און קייט" עס זאָל האָבן הצלחה[3] און פֿאַרשאַפֿן די קינדער הנאה[4]. אַלע פֿאַראינטערעסירטע טאַטעס און מאַמעס קענען געפֿינען דעם זשורנאַל אין דער מעדעם-ביבליאָטעק.

און אַז אייַערע קינדער קענען נאָך נישט לייענען אויף ייִדיש, פֿאַלט נישט אַראָפּ בייַ זיך : זיי וועלן באַלד האָבן אַ געלעגנהייט (און דאָס איז די צווייטע גוטע בשׂורה) זיך אויסצולערנען ! נאָך די זומער-וואַקאַציעס וועט דער מעדעם-צענטער אייַנפֿירן אַ ייִדישקורס פֿאַר קינדער. האַלט פֿאַר זיי פֿרייַ די מיטוואָך-נאָכמיטאָגן, פֿון 2 ביז 4 אַ זייגער.

אויך פֿאַר די גרויסע איז דאָ גוטע נייַעס : זיי וועלן נישט מער דאַרפֿן זיך שלעפּן קיין אָקספֿאָרד אָדער ניו-יאָרק כּדי אינטענסיוו צו לערנען ייִדיש אין זומער. פֿון דעם יאָר אָן קענען זיי עס טאָן אין סאַמע פּאַריז, פֿון 8טן ביז 26סטן יולי. די וואָס וועלן זיך אייַנשרייַבן אויף איינעם פֿון 4 קורסן (פֿון אָנהייבערס ביז קענערס) וועלן האָבן די געלעגנהייט זיך אָפּצולערנען ייִדיש פֿון אויסגעצייכנטע לערערס - בתיה בוים און יצחק ניבאָרסקי פֿון פּאַריז, וועראַ סאָלאָמאָן פֿון ירושלים און סאָניע פּינקוסאָוויטש פֿון בריסל. ס'וועט אויך זייַן אַ געזאַנג-וואַרשטאַט, אַ טעאַטער-וואַרשטאַט און פֿאַרשיידענע רעפֿעראַטן (אָפֿן פֿאַר אַלעמען) פֿון באַקאַנטע ייִדישע שרייַבערס און פֿאָרשערס.

נו, זענען עס נישט קיין גוטע בשׂורות ?

**1.** PSURES **nouvelles ; 2.** YEDIE **information ;**
**3.** HATSLOKHE **succès ; 4.** HANOE **plaisir**

# ווען משלים און באַלאַדן קומען זיך צונויף



**פּאָרטרעט פֿון מאַנגער (אַ. קאָלניק)**

אָנהייב יאָר איז אין אוקסהײַם (אַ קליין שטעטל אין דײַטשלאַנד) פֿאָרגעקומען אַן אויסשטעלונג געווידמעט די צוויי ייִדישע פּאָעטן - איציק מאַנגער און אליעזר שטיינבאַרג. ס'שטעלט זיך באַלד די פֿראַגע : פֿאַר וואָס אָפּגעבן כּבֿוד אָט די צוויי גרויסע ליטעראַרישע שאַפֿערס פֿאַר איין גאַנג[1] און פֿאַר וואָס דווקא אין דײַטשלאַנד ? ליגט דער ענטפֿער אינעם נאָמען טשערנאָוויץ.

די דאָזיקע שטאָט האָט אויסגעהאָדעוועט אַ גאַנצע רײַ ייִדישע שרײַבערס וואָס האָבן דערגרייכט צו די הויכן פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן אַרבעטנדיק ווער אויף ייִדיש, ווער אין דײַטש. פֿון די דײַטש-שרײַבנדיקע, אַחוץ דעם וועלט-באַוווסטן פּאָעט פּאַול צעלאַן, שטאַמט פֿון טשערנאָוויץ אויך די דיכטערין ראָזע אויסלענדער. דער צענטער אויף איר נאָמען האָט געוואָלט אָנווײַזן אויף אַן אַנדער אַספּעקט פֿון דער דעמאָלטיקער טשערנאָוויצער ליטעראַרישער שאַפֿונג : דהיינו[2] אויף די צוויי ייִדיש-שרײַבנדיקע פּאָעטן, מאַנגער (וואָס איז דאָרטן געבוירן געוואָרן) און שטיינבאַרג (וואָס האָט דאָרטן לאַנגע יאָר געאַרבעט).

פֿאַרשיידענע יחידים[3] און אינסטיטוציעס (צווישן זיי די מעדעם-ביבליאָטעק) האָבן בײַגעטראָגן צו זאַמלען די דאָקומענטאַציע : פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון טשערנאָוויץ און איר אומגעגנט, בריוו, מאַנוסקריפּטן און צײַטונגס-אַרטיקלען אין שײַכות מיטן לעבן פֿון די צוויי ליטעראַטן, שער-בלעטער[4] פֿון זייערע ווערק און אחרון אחרון חבֿיבֿ[5] גראַפֿישע שאַפֿונגען פֿונעם באַרימטן קינסטלער אַרטור קאָלניק (וואָס האָט אויך געוווינט אין טשערנאָוויץ און אילוסטרירט שטיינבאַרגס „משלים“).

די מעדעם-ביבליאָטעק האָט געקראָגן דעם שיין אַרויסגעגעבענעם קאַטאַלאָג וואָס ס'איז כּדאַי מע זאָל אים לייענען אָדער כאָטש דורכבלעטערן. ס'ווערן דאָרטן באַשריבן דאָס לעבן און שאַפֿן פֿון די צוויי אויטאָרן - צום באַדויערן נאָר אויף דײַטש. מע קען אויך געפֿינען די ביאָגראַפֿישע פּרטים[6], אַן אָפּקלײַב פֿון זייערע ווערק מיט טראַנסליטעראַציע אָדער איבערזעצונגען און עטלעכע האָלצשניטן פֿון קאָלניק.



**א. שטיינבאַרג (האָלצשניט פון אַ. קאָלניק)**

בקיצור, יעדער וואָס וועט אויפֿמישן דעם קאַטאַלאָג וועט קריגן אַ רושם[7] פֿון דעם ייִדישן אַמאָל און זיך נעענטער באַקענען מיט צוויי ביז גאָר אָנערקענטע פֿיגורן פֿון דער ייִדישער וועלט.

1. en même temps ; 2. DEHAYNE c'est à dire ; 3. YEKhIDIM individus (sing. YOKhID) ; 4. ShAR... pages-titres ; 5. AKhREN AKhREN KhOVEV enfin et surtout ; 6. PROTIM détails (sing. PRAT) 7. ROYShEM impression

## נקמה[1] פֿון אליעזר שטיינבאַרג

גייט אין וואַלד אַרײַן אַ טאָטער[2]
קאָקוסניס[3] צו זוכן (זיי פֿאַרקויפֿט אין שטאָט ער).
גייט ער, גייט ער,
און אָט שטייט ער
פֿאַר אַ בוים. אָנגעשפּיגעוועט[4] דער בוים מיט ניס -
אָבער, גאָט, ווי הויך ער איז !
און ניט צוגעגרייט, פֿאַרשטייט זיך, קיינער דאָרט קיין לייטער.
ווי ער טוט אַ קוק : אַהאַ -
אויפֿן בוים אַן אַפֿל[5] ! זאָגט דער טאָטער : „זײַ געלויבט, אַללאַ !
אי די ניס באַקום איך, אי ניט אויפֿן בוים געקראָכן -
זיך די אַלטע ביינער ניט געבראָכן !“
וואָס-זשע טוט ער ? צילט און טרעפֿט אין אַפֿל ער אַ שטיין.
בייז דאָס אַפֿל, שאַרפֿט די ציין,
בײַסט אַ נוס אָפּ, וואַרפֿט אין טאָטער.
„וואַרט, דו ווערסט פֿון מיר
שוין אַזוי גיך ניט פּטור[6] !“
זאָגט דער אַלטער
און די נוס באַהאַלט ער.
נאָך אַ שטיינדל - נאָך אַ ריס,
און סע פֿליען ניס אויף ניס.
קורץ, סע פֿלאַקערט אַ מלחמה[7] :
טאָטער וואַרפֿט אין אַפֿל שטיינדלעך
און שלאָגט אויס אַן אויג אים,
ס'אַפֿל זיך אין טאָטער נוקם[8]
(זיס איז די נקמה),
נוקם, נוקם, ביז -
ביז דער טאָטער טראָגט אַהיים אַ פֿולן זאַק מיט ניס.




**שער-בלאַט פון שטיינבאַרגס משלים**

1. NEKOME vengeance ; 2. Tatar (dans le folklore : personnage exotique); 3. noix de coco ; 4. plein de ; 5. singe (dim.) ; 6. POTER פּטור ווערן se débarrasser ; 7. MILKhOME guerre ; 8. NOYKEM נוקם זײַן se venger

# אַבֿרהם אָבֿינו מוסרט לוטן[1]

## פֿון איציק מאַנגער




**שער-בלאַט פֿון אַ בוך מאַנגערס לידער איבערגעזעצט אויף העברעיִש**

„לוט, איך מוז דיר זאָגן ס'איז - פֿע !
דו שיכּורסט אַ יעדע נאַכט,
ערשט נעכטן האָסטו אין „גאָלדענעם הערש“
אַזאַ וויסטן סקאַנדאַל געמאַכט.

דאָס פּאַסט פֿאַר מאַנגער, דעם שנײַדערוק[2],
אָבער אָסור[3] נישט פֿאַר דיר,
האָסט צוויי טעכטער מגדל[4] צו זײַן
און ביסט קיינעהאָרע אַ ייִד אַ גבֿיר.

האָסט שאָף און רינדער און ציגנבעק ;
פֿאָלג מיך און פֿאָרכט זיך[5] פֿאַר גאָט,
אויף יעדן ערל[6], וואָס זשליאָקעט זיך אָן[7],
זאָגט מען שוין : שיכּור ווי לוט.

כ'פֿאַרשטיי, מען מאַכט אַ כּוסע[8] אַ מאָל
פֿרייטיק צו נאַכטס בײַם טיש,
ווען סע ברענען די הייליקע שבת-ליכט
און מען עסט די געפֿילטע פֿיש.

אָבער נישט ווי דו, טאָג-אײַן, טאָג-אויס,
ווי ווערט דאָס אַ מענטש נישט מיד !
סע פּאַסט פֿאַר האַווירילע[9], דעם שבת-גוי,
אָבער אָסור נישט פֿאַר קיין ייִד.

באַטראַכט זיך וואָס וועט מען זאָגן אַמאָל :
סע האָט אבֿרהם אָבֿינו געהאַט
אַ קרובֿ אַ שיכּור און וואָס אין דער קאָרט[10],
וואָס דאָס איז נאָך ערגער פֿון שמד[11].

און אַז מען שמועסט שוין, הער זשע מיך אויס,
ביסט דאָך אַ טאַטע - ווייי איז צו מיר,
צי אַרט דיך נישט, וואָס דער שדכן[12] ווײַכט[13]
ווי אַן עיפּוש[14] דײַן שוועל און דײַן טיר ?

וואָס אפֿילו דער מינדסטער שנײַדער-יונג
וויל נישט דײַן איידעם זײַן
און בײַ דײַנע טעכטער זילבערן די צעפּ
- און אַלץ איז כּדאי צוליב ווײַן ?

לוט, איך מוז דיר זאָגן ס'איז - פֿע !
דו שיכּורסט אַ יעדע נאַכט,
ערשט נעכטן האָסטו אין „גאָלדענעם הערש“
אַזאַ וויסטן סקאַנדאַל געמאַכט.

דאָס פּאַסט פֿאַר מאַנגער, דעם שנײַדערוק,
אָבער אָסור נישט פֿאַר דיר,
האָסט צוויי טעכטער מגדל צו זײַן
און ביסט קיינעהאָרע אַ ייִד אַ גבֿיר.“

**1.** AVROM OVINU MUSERT LOTN **Abraham fait la morale à Loth ; 2. tailleur (péj.) ; 3.** OSER **ici: en aucun cas ; 4.** MEGADL **מגדל זײַן élever ; 5. זיך פֿאָרכטן craindre ; 6.** ORL **incirconcis (=non-Juif) ; 7. זיך אָנזשליאָקען boire beaucoup (péj.) ; 8.** KOYSE **מאַכן אַ כּוסע prendre un verre ; 9. nom propre (non-juif); 10. אַל דאָס שלעכטס ; 11.** SHMAD **conversion au christianisme ; 12.** SHADKHN **marieur ; 13. ווײַכן éviter ; 14.** IPESH **mauvaise odeur**



# דער ייִדישער שם[1] פֿון טשערנאָוויץ

אַמאָל איז טשערנאָוויץ געווען די הויפּטשטאָט פֿון דער בוקאָווינער געגנט, וואָס האָט לאַנג געהערט צו דער עסטרײַך-אונגערישער אימפּעריע. הײַנט איז זי אַ קליינע פּראָווינצשטאָט אין דער נײַער אוקרײַנישער רעפּובליק. ווי אַ גרענעץ-געגנט צווישן אוקרײַנע און רומעניע (בײַם טײַך פּרוט און לעבן די קאַרפּאַטן) איז בוקאָווינע תּמיד געווען באַפֿעלקערט פֿון רומענער, אוקרײַנער, דײַטשן, פּאָלאַקן און ייִדן. כאָטש די אָפֿיציעלע שפּראַך איז געווען דײַטש, האָבן אַלע מינדערהייטן געקענט באַנוצן זייערע אייגענע שפּראַכן.

די שטאָט טשערנאָוויץ איז געוואָרן אַ צענטער פֿון קינסטלערישער און ליטעראַרישער שאַפֿונג, מיט אַן אוניווערסיטעט און אַ רײַך אינטעלעקטועל לעבן. אין דעם פֿילם וועגן טשערנאָוויץ (קאַנאַל „אַרטע“) האָבן אַלע עדות[2] ארויסגעהויבן דעם גײַסט פֿון טאָלעראַנץ וואָס האָט געהערשט אין דער שטאָט און די גוטע באַציִונגען צווישן אַלע אײַנוווינערס.

אין דער ייִדישער קולטור האָט טשערנאָוויץ פֿאַרנומען אַ גאָר באַזונדערע פּאָזיציע. ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין דער געגנט אין 1408. די חסידישע באַוועגונג איז דאָרטן אָנגעקומען גאַנץ פֿרי און עס האָבן דאָרטן געשמט[3] באַרימטע הויפֿן פֿון צדקים ווי סאַדעגערע און וויזשניץ. נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה (ווען טשערנאָוויץ האָט שוין געהערט צו רומעניע),האָט די שטאָט געזען אַן אַנטוויקלונג פֿון די מאָדערנע וועלטלעכע[4] באַוועגונגען ווי בונדיזם און ציוניזם. פֿאַרן אָנהייב פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה האָבן דאָרטן געוווינט 120 000 ייִדן, מער ווי אַ דריטל פֿון אַלע אײַנוווינערס.

טשערנאָוויץ האָט פּראָדוצירט אַ ריזיקע צאָל אינטעליגענטן, דער עיקר פּאָעטן. צווישן די ייִדיש-שפּראַכיקע זײַנען דאָ דרײַ פּאָעטן פֿון די גאָר באַליבטסטע בײַ דעם ייִדישן עולם : אברהם גאָלדפֿאַדען, דער פֿאָטער פֿונעם ייִדישן טעאַטער ; אליעזר שטיינבאַרג, באַוווּסט פֿאַר זײַנע פּרעכטיקע משלים פֿול מיט חן און חכמה ; און איציק מאַנגער, דער „טרובאַדור“ פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע.

אָבער מער פֿאַר אַלץ איז טשערנאָוויץ באַוווּסט אין דער ייִדישער וועלט מחמת זייער אַ וויכטיק געשעעניש וואָס איז דאָרטן פֿאָרגעקומען אין 1908 - די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע ייִדיש-קאָנפֿערענץ. איר ציל איז געווען צו דעבאַטירן וועגן דער ראָלע פֿון ייִדיש אין דער ייִדישער וועלט. די קאָנפֿערענץ האָט צונויפֿגעזאַמלט 70 דעלעגאַטן פֿון איראָפּע און אמעריקע, אַזעלכע הויכע פֿיגורן ווי י.ל. פּרץ, אברהם רייזען און שלום אַש. די מחלוקה[5] איז געווען צווישן די העברעיִסטן (וואָס האָבן געהאַלטן ייִדיש פֿאַר אַ „זשאַרגאָן“ און געוואָלט דערקענען העברעיִש ווי די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך) און די ייִדישיסטן, וואָס האָבן געפֿאָדערט אָפֿיציעלע אָנערקענונג פֿאַר ייִדיש. צום סוף האָט מען געמאַכט אַ פּשרה[6] : ייִדיש איז אָנערקענט געוואָרן נישט ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר ווי **אַ** נאַציאָנאַלע שפּראַך. דער באַשלוס האָט סטימולירט אַ סך פֿאָרשונגען, שאַפֿונגען און פּובליקאַציעס און האָט פֿאַרגרעסערט דעם פּרעסטיזש פֿון ייִדיש.

**1.** SHEM **renommé ; 2.** EYDES **témoins ;**
**3.** GESHEMT **participe de שמען** SHEMEN **être célèbre ; 4. laïc ; 5.** MAKHLOYKE **controverse ;**
**6.** PSHORE **compromis**

## אַ מאכל„יקע קעסטלשפּיל

### פֿון רעכטס צו לינקס

**א.** מאכל וואָס מען עסט פּורים (מערצאָל)

**ב.** אַ מאכל געלייגט פֿון אַ הון ; בראָנפֿן, משקה

**ג.** אַ מין שיף געמאַכט פֿון קלעצער; אַן אָפּקלאַנג

**ד.** פֿאַרקערט פֿון „מיט“ ; וואָס מע זאָגט דערלאַנגענדיק עפּעס

**ה.** בעסער ווי בעסער

**ו.** אַן אַראַבישער מאכל

**ז.** אַ יאָך, אַ לאַסט ; די אויסלייזונג, סוף פֿון דער וועלט

**ח.** אַ קליינער באַוועג ; אַ געטראַנק געמאַכט פֿון האָניק

**ט.** טעאַטער-שטיק (מערצאָל)

### פֿון אויבן אַראָפּ

**1.** [שפּריכוואָרט] „זאָג נישט ... ביז דו ביסט נישט אַריבערגעשפּרונגען“; די דרויסנדיקע שיכט פֿון ברויט

**2.** פֿאַרפֿאַלן, זאָל זײַן

**3.** פֿאַרקערט פֿון „יאָ“ ; וואָס פּאַסט זיך צום האַמער אויף דער רויטער פֿאָן

**4.** זי גיט מילך און אַ מאָל איז זי משוגע

**5.** ייִדישער ראָמאַניסט שלום ..... ; דאָס קען מען עסן מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך אאַ״וו

**6.** אַ פֿראַנצויזישער מאכל

**7.** פּרעפּאָזיציע פֿון צײַט אָדער אָרט ; וואָס זאָגט אַ ציגעלע

**8.** מאכל וואָס מע עסט חנוכּה

**9.** .... געזונטערהייט ! (טעמע פֿון דער גאַנצער קעסטלשפּיל) ; איין זײַט אויף אַ חתונה אָדער אַ פּראָצעס

| 9 | 8 | 7 | 6 | 5 | 4 | 3 | 2 | 1 | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | ■ | | | | | | | | א |
| | | | | | ■ | | | | ב |
| ■ | | | | ■ | | | | | ג |
| | | ■ | | ■ | ■ | | | ■ | ד |
| ■ | | | | | ■ | ■ | ■ | | ה |
| ■ | | ■ | | | | | | | ו |
| | | ■ | ■ | | | | ■ | | ז |
| | | | ■ | | ■ | | | | ח |
| ■ | | | | | | | ■ | | ט |

**NOTE :**
MAYKhLDIK **délicieux ;**
MAYKhL דער מאכל **plat (pl.** MAYKhOLIM**)**

# בריוו פֿון אַוויניאָן



## אַ נײַע האָצמאַך-שפּיל איז אָנגעקומען!

צי ווייסט איר, אַז אויפֿן טעאַטער-פֿעסטיוואַל אין אַוויניאָן האָט מען לעצטן זומער פֿאָרגעשטעלט איציק מאַנגערס „האָצמאַך-שפּיל“ ?

די פּיעסע, אַ באַאַרבעטונג פֿון דער „כּישוף-מאַכערין“[1], גאָלדפֿאַדענס אַ פֿאָלקס-אָפּערעטע פֿון 19טן יאָרהונדערט, איז פֿונדעסטוועגן אַן אָריגינעל און זעלבשטענדיק ווערק.

„האָצמאַך-שפּיל“ איז איבערגעזעצט אויף פֿראַנצייזיש דורך מלכּה מאַן און אַריסטידע דעמאָניקאָ, אַדאַפּטירט דורך זשאַן-לוִי באָער, אינסצעניזירט דורך אַריסטידע דעמאָניקאָ און געשפּילט פֿון אַקטיאָרן און כּלי-זמרים[2] פֿון „עמבאַרקע“ קאָמפּאַניע.

שווער איז איבערצוגעבן אַ סך-הכּל פֿון דער פּיעסע : ס'איז אַ מין מוזיקאַלישע פֿאָלקס-מעשׂה מיט ייִדישע לידער און ניגונים. אויף דער בינע יאָגן זיך די העלדן איינס נאָכן אַנדערן זוכנדיק אַ וווּנדערלעכן ניגון וואָס האָט אַ מעלה[3] גליקלעך צו מאַכן דעם וואָס געפֿינט אים. איינער פֿון די הויפּטהעלדן איז האָצמאַך - אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס[4] און מיט דרײַ טעכטער, וואָס זוכט כּסדר פּרנסה. ווען ער שלאָפֿט, קומען אים צו חלום פֿאַרשיידענע געשטאַלטן - זײַן פֿאַרשטאָרבן ווײַב מיט אַ וואַלגערהאָלץ, די מענטשן וואָס ער האָט אָפּגענאַרט אויפֿן מאַרק ... אויף דער בינע ווײַזן זיך אויך די באָבע-יאַכנע מיט איר משרת[5], דאָס שדל[6] אליקום[7], מירעלע, אַן אָרעמע יתומה וואָס האָט אַ בייזע שטיפֿמאַמע, לייע דער ציגײַנער, וואָס שפּילט אויף אַ פֿידל, און אַנדערע.

ס'איז אַ פּיעסע צום לאַכן, צום וויינען און טיף אַרײַנצוטראַכטן אינעם מענטשלעכן גורל. לויט מאַנגערס אייגענע ווערטער איז עס „אַ שאָטנשפּיל אויף דער טעמע *ווירקלעכקייט* ; אַ חלום-שפּיל אויף דער טעמע *גליק.*“

אַריסטידע דעמאָניקאָס רעזשי איז זייער אַ געלונגענע - ער האָט באַוויזן איבערצוגעבן אַ באַגריף פֿון אַמאָליקן ייִדישן לעבן און עפּעס פֿון דעם טעם פֿון ייִדישן הומאָר. דערצו האָט ער אויפֿגעלעבט מאַנגערס פּיעסע און געוויזן די אַלוועלטלעכקייט פֿון איר אינהאַלט.

„האָצמאַך-שפּיל“ האָט שטאַרק אויסגענומען בײַם עולם. דער טעאַטער איז געווען פֿול אָנגעפּאַקט - דער עיקר מיט יונגע מענטשן.

אַ שאָד, איר זענט ניט דערבײַ געווען, איר וואָלט הנאה געהאַט !

**1.** KIShEF-... **sorcière ; 2.** KLEZMORIM **musiciens ; 3.** MAYLE **avantage, vertu ;**
**4.** A KAPTSN **... un homme très pauvre ;**
**5.** MEShORES **serviteur ; 6.** ShEDL **petit diable ;**
**7.** ELIOKEM

**ענטפֿער אויפֿן קעסטלשפּיל :**

| 9 | 8 | 7 | 6 | 5 | 4 | 3 | 2 | 1 | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | ש | ק | ב | ■ | ה | ל | ב | ק | א |
| י | ■ | י | י | ל | ■ | י | ■ | ט | ב |
| י | ל | ■ | ל | ■ | ד | ל | א | ג | ג |
| ל | ■ | ■ | ט | ג | א | י | ■ | ו | ד |
| ן | ט | ש | ■ | א | ■ | ת | ו | ר | ה |
| ■ | ■ | י | ■ | ט | א | ■ | ו | ■ | ו |
| ל | א | מ | ס | ■ | ן | ס | ו | ר | ז |
| י | ■ | ח | ו | ר | ■ | ו | ■ | א | ח |
| ב | א | ה | ■ | ■ | ר | פֿ | ו | ש | ט |

**אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט:**
**בערטראַן, זשיל, נאַטאַליאַ, יצחק, מלכּה, עלי, רובי**

AEDCY
*Der Yidisher Tamtam*
B.P. 720
75163 Paris CEDEX 04